פון זיינע תלמידים, דער, וואָס האָט אים געזאָלט
5 פאַרראַטן, האָט געזאָגט: פאַרוואָס האָט מען נישט
פאַרקויפט דעם דאָזיקן זאַלבאייל פאַר דריי הונדערט
דינרים און געגעבן (דאָס געלט) צו אָרומעלייט?
6 און דאָס דאָזיקע האָט ער געזאָגט, נישט ווייל ער
האָט זיך געדאַגהט וועגן די אָרומעלייט; נאָר ווייל
ער איז געווען אַ גנב, און געהאַט די פושקע און
פלעגט אונטערשלאָגן, וואָס מען האָט אַריינגעלייגט·
7 ישוע האָט דעריבער געזאָגט: לאָז זי צופרידן,
צום טאָג פון מיין קבורה האָט זי עס באַהאַלטן·
8 וואָרום די אָרומעלייט האָט איר תמיד ביי זיך, מיך
אָבער האָט איר נישט אַלעמאָל·
9 און אַ גרויסער המון יידן האָט זיך דערוואוסט,
אַז ער געפינט זיך דאָרטן; און זיי זענען געקומען
נישט בלויז צוליב ישוען, נאָר אויך כדי צו
זעען אלעזרן, וועמען ער האָט אויפגעוועקט פון
10 די טויטע· די הויפּטכהנים אָבער האָבן זיך באַראָטן,
11 אַפילו אלעזרן צו טייטן; ווייל אַ סך פון די יידן
זענען צוליב אים אַוועקגעגאַנגען, און האָבן געגלויבט
אין ישוען·
12 צומאָרגנס האָט דער המון עם, וואָס איז געקומען
אויף יום טוב, געהערט, אַז ישוע קומט קיין ירושלים,
13 האָבן זיי גענומען פאַלמענצווייגן, און זענען אַרויס
אים אַנטקעגנצוגיין, און האָבן געשריגן:

הושענא,

ברוך הבא בשם ה׳, מלך ישראל!

(תהלים קיח, כה·)

(געבענטשט איז דער, וואָס קומט אינם נאָמען
14 פון דעם האַר ג־ט, דער מלך פון ישראל)· און
געפינענדיק אַ יונג אייזעלע, האָט זיך ישוע
דעריף אַרויפגעזעצט, ווי עס שטייט געשריבן: